בעזרת השם יתברך

# סיפורי מעשיות

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת כי תצא
יג אלול
שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 35
(50)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת רְאֵה, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה י, מִבֶּערְגִיר וְעָנִי.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם וִוינְט. אוּן עֶר הָאט צוּ בְּרָאכְן אַלֶע בֵּיימֶער וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען. הָאט עֶר נִישְׁט גִיקָאנְט דֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹים וָואס עֶר הָאט דָארְט בַּאהַאלְטְן דָאס כְּתָב. וָוארְן אַז דִי בֵּיימֶער זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען אוֹיף זֵייעֶר אָרְט. הָאט עֶר גִיהַאט אַ סִימָן צוּ דֶערְקֶענֶען. אָבֶער הַיינְט אַז זֵיי זֶענֶען אַיין גִיפַאלְן. אִיז דֶער בּוֹים פַארְמִישְׁט גִיוָוארְן צְווִישְׁן דִי אִיבְּרִיקֶע בֵּיימֶער וָואס סֶע אִיז דָארְט גֶעוֶוען זֵייעֶר פִיל הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹים אוּן דָאס אִיז נִיט גִימָאלְט אַז מֶע זָאל אוֹיף שְׁפַּאלְטְן אַלֶע בֵּיימֶער אוּן מֶע זָאל זוּכְן דָאס כְּתַב וָוארְן סֶע גִיוֶוען זֵייעֶר פִיל בֵּיימֶער. הָאט עֶר זֵייעֶר גִיוֵויינְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גִיוֶוען. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט דָא זִיצְן וֶועט עֶר בְּוַודַאי מְשׁוּגָע וֶוערְן מֵחֲמַת גְרוֹיס צַעַר וָואס עֶר הָאט גִיהַאט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען עֶר מוּז אַוֶועק גֵיין וַוייטֶער.

## נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן אִין דִי צָרָה

דָאס לִיגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע יְסוֹד אִין לֶעבְּן; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר עֶנְג אוּן בִּיטֶער, דַארְף עֶר אָבֶער וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן אִין דִי צָרָה, מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן דִי לֶעבְּן צוּלִיבּ דִי צָרָה, נָאר מֶען מוּז גֵיין וַוייטֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצח): **"כְּשֶׁאֶחָד צוֹעֵק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, אוֹמְרִים לוֹ לִסַּע"**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט מֶען אִים: עֶר זָאל זִיךְ צִיעֶן, **"כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: מַה תִּצְעַק אֵלָי, דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ"**, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען בֶּעטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים יַם סוּף, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת יד, טו): "פַארְוָואס שְׁרֵייסְטוּ צוּ מִיר? רֶעד צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צִיעֶן! וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה טָאר עֶר נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן אוּן אָפְּשְׁטֶעלְן זַיין לֶעבְּן צוּלִיבּ דִי צָרָה, נָאר עֶר דַארְף - בִּיז עֶר וֶוערְט גֶעהָאלְפְן פוּן זַיין צָרָה - אוֹיךְ וַוייטֶער אָנְגֵיין.

אַוַודַאי אִיז דִי עֵצָה - וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה, צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן פוּן דִי צָרָה, אָבֶער מִיט דָאס בֶּעטְן דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן מִיט כֹּחַ אָנְצוּגֵיין וִויפִיל מֶען קֶען אוֹיף בִּיז דֶערְוַוייל.

אוּן וָואס סֶע וֶועט זִיךְ שׁוֹין מִיט אִים טָאן לָאז זִיךְ טָאן. גֵיין אַוֶועק

<<<

## חִינוּךְ ווינְקל

גענומען פונעם קונטרס 'אויפבויען קינדער'

### זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט

מֶען דַארְף אוֹיךְ זַיין שְׁטְרֶענְג אִין קְלַאס, עֶס מוּז זַיין דִיסְצִיפְּלִין; דִי לֶערֶערִין דַארְף זָאגְן וִוי אַזוֹי צוּ זִיצְן אִין קְלַאס אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט שְׁטֶערְן וְכַדוֹמֶה. אוּן אוֹיבּ אַ מֵיידְל זִיצְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף, זָאגְט מֶען אִיר: "מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי זִיצְן, נָאר מֶען דַארְף אַזוֹי זִיצְן", אוּן אַז דָאס הֶעלְפְּט נִישְׁט, זָאגְט מֶען אִיר: "אִיךְ גֵיי רֶעדְן צוּ דִי מְנַהֶלֶת, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין דָא אִין קְלַאס, אִין דִי קְלַאס זֶענֶען נָאר דָא וואוילֶע מֵיידְלֶעךְ, נָאר גוּטֶע מֵיידְלֶעךְ אוּן נָאר דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיגֶע מֵיידְלֶעךְ", דָאס אָרְדֶענוּנְג הֶעלְפְּט דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וַואקְסְן גֶעזוּנְט. אָבֶער דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף זֶען יֶעצְט, אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן פוּנֶעם יָאר, אִיז אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַסַאךְ זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, כְּסֵדֶר זֵיי זָאגְן: "דוּ קֶענְסְט יָא", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ", "דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין", "אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן דוּ בֶּעט אוֹיךְ אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין", - דִי אַלֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער וֶועט זַיין בַּאגְלֵייטְן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן.

### קֶען זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן קַיין 'שָׁלוֹם בַּיִת' בַּיי זֵיי

קִינְדֶער וָואס וֶוערְן נֶעבֶּעךְ צֶעבְּרָאכְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִין סְקוּל, זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶעשֶׁעדִיגְט פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן, שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה קֶען זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן קַיין 'שָׁלוֹם בַּיִת' בַּיי זֵיי וִוייבַּאלְד זֵיי הַאלְטְן נִישְׁט פוּן זִיךְ, אַלֶעס גֵייט זֵיי מִיט חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן קַאמְפְּלֶעקְ"ס, זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין טְרַאכְטְן: "אִיךְ בִּין יָא גוּט אָדֶער נִישְׁט גוּט?" דֶערְפַאר דַארְף מֶען יֶעצְט שְׁנֶעל אַרַיינְכַאפְּן אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן פוּנֶעם יָאר אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער.

### קוּק אוֹיף מִיר

אַסַאךְ מָאל קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר אַ לֶערֶערִין אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע מֵיידְל אַז זִי דַארְף נִישְׁט מַיין גוּט וָוארְט, וַוייל זִי לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער וֶוען מֶען גֶעבְּט אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער; אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר דָאס מֵיידְל שְׁטֵייט אוּן וַוארְט אַז דִי לֶערֶערִין זָאל קוּקְן אוֹיף אִיר אוּן אִיר עֶפֶּעס זָאגְן. יֶעדֶעס מֵיידְל ווִיל אַז דִי לֶערֶערִין זָאל קוּקְן אוֹיף אִיר, אוּן אַז דִי לֶערֶערִין קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִיר וֶועט זִי אָנְהֵייבְּן שְׁטֶערְן, זִי וֶועט קְלַאפְּן אוּן מַאכְן גְרוּדֶער, כְּדֵי דִי לֶערֶערִין זָאל אִיר אַרוֹיסְשִׁיקְן פוּן קְלַאס אוּן נָאכְדֶעם רֶעדְן צוּ אִיר אוּן אִיבֶּערְבֶּעטְן וְכוּ', דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס דָאס קִינְד ווִיל אֵיין זַאךְ פוּן דִי לֶערֶערִין: "קוּק אוֹיף מִיר", זִי ווִיל נָאר אַז דִי לֶערֶערִין זָאל קוּקְן אוֹיף אִיר.

### דִי לֶערֶערִין שְׁמֵייכְלְט צוּ מִיר

אַ תַּלְמִידָה הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו, שְׁרַייבְּנְדִיג, אַז זִי קֶען קוּים וַוארְטְן דִי לֶערֶערִין זָאל קוּקְן אוֹיף אִיר אוּן אִיר גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, זִי שְׁרַייבְּט: "דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מַאכְט מִיר קוּמֶען אִין סְקוּל אִיז אַז דִי לֶערֶערִין

מוּז עֶר. וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין בְּלוֹיז מְסוּכָּן זַייעֶר מַחְמַת גְרוֹיס צַעַר. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִינוּמֶען פְלֵיישׁ אוּן פֵּירוֹת אִין אַ זַאק אַרַיין. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען וִוי הִין עֶר וֶועט גֵיין. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים אִין דֶעם אָרְט וָואס עֶר אִיז פוּן דָארְט אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין יִשׁוּב. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט וָואס פַאר אַ מְדִינָה אִיז דָאס. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט. אוֹיבּ מֶע הֶערְט דָא פוּן דֶעם קֵיסָר. (הַנַ"ל). הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. יוֹא. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט. אוֹיבּ מֶע הֶערְט דָא פוּן זַיין טָאכְטֶער דִי יְפַת תּוֹאַר. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. יוֹא. לוּשְׁמִיר סֶע קָאן זִיךְ קֵיינֶער מִיט אִיר נִיט מְשַׁדֵּךְ זַיין (כַּנַ"ל וָוארְן זִי וִויל נִיט כַּנַ"ל) הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. מַחְמַת עֶר קָאן שׁוֹין אַהִין נִישְׁט קוּמֶען. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּם מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן הָאט אִים אוֹיס דֶערְצֵיילְט גָאר זַיין הָארְץ. אוּן אַז עֶר אִיז אִיר חָתָן אוּן אִיבֶּער אִים וִויל זִי קֵיין אַנְדֶערְן שִׁידוּךְ נִיט. אוּן מַחְמַת עֶר קָאן אַהִין נִישְׁט קוּמֶען. דְרוּם גִיט עֶר אָפּ אַלֶע סִימָנִים וָואס עֶר הָאט צוּ דֶעם מֶלֶךְ דְהַיְינוּ דִי זִיבְּן וַואסֶערְין הַנַ"ל. אוּן דֶער מֶלֶךְ זָאל זִיךְ גֵיין אַהִין וֶועט עֶר זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִיר. אוּן אִים זָאל עֶר גִיבְּן גֶעלְט דֶערְפַאר.

## מִיר וֵוייסְן דִי סִימָנִים

וֶוען דֶער בָּחוּר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי בַּת קֵיסָר הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן זַיינֶע סִימָנִים פַאר אַ צְוֵוייטְן, אַז אוֹיבּ עֶר קֶען נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיר זָאל כָאטְשׁ אַ צְוֵוייטֶער קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן מִיר אִיר. דָא אִיז מְרוּמָז דִי זַאךְ פוּן 'הֲפָצָה'; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר וֵוייסְן דִי 'סִימָנִים', דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִויאַזוֹי נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְן צוּ זִיךְ: 'אֲפִילוּ אִיךְ זֶע אוֹיס וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס, וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וְכוּ' וְכוּ', דָאךְ וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֶעבְּן מַיין לֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן זֵיי אוֹיסְזָאגְן דִי 'סִימָנִים' וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, אִיךְ וֶועל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן זָאל כָאטְשׁ אַ צְוֵוייטֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד', אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיט): **"עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם עֶר זָאל טְרַאכְטְן: 'אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זָאל כָאטְשׁ אַ צְוֵוייטֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד'".**

דֶערְפַאר זֶעט מֶען אַז דֶער בָּחוּר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם קֶענִיג עֶר זָאל אִים בַּאצָאלְן גֶעלְט פַאר'ן אוֹיסְזָאגְן דִי סִימָנִים, וָואס דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן הֲפָצָה, מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן אוּן מֶען בֶּעט אִים גֶעלְט פַאר צְדָקָה.

הָאט דֶער מֶלֶךְ דֶערְקֶענְט. אַז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אֱמֶת. וָוארְן מֶען קָאן זִיךְ אַזוֹינְס נִיט אוֹיסְטְרַאכְטְן פוּן דֶעם הַארְץ. אִיז דִי זַאךְ דֶעם מֶלֶךְ גִיפֶעלְן.

נָאר דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען אַז עֶר וֶועט זִי דָא בְּרֶענְגֶען אַהֶער. אוּן דֶער בָּחוּר וֶועט דָא זַיין. אִיז זִיךְ פַאר אִים נִיט גוּט. זָאל עֶר אִים הַארְגֶענֶען הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט טָאן אַזוֹי אַזַאךְ וָוארְן פַארְוָואס זָאל מֶען אִים נָאךְ הַארְגֶענֶען פַאר דֶער טוֹבָה וָואס עֶר הָאט אִים גִיטָאן. בְּכֵן הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען עֶר וֶועט אִים פַארְשִׁיקְן אוֹיף צְוֵויי הוּנְדֶערְט מַייל וַוייט. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן נָאךְ וָואס עֶר פַארְשִׁיקְט אִים פַאר אַזוֹי אַ טוֹבָה וִוי עֶר הָאט אִים גִיטָאן.

אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען דָארְט אוֹיךְ צוּ אֵיין אַנְדֶערְן מֶלֶךְ. אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי דֶערְצֵיילְט כַּנַ"ל (דְהַיְינוּ דֶער בָּחוּר דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן וַוייל סֶע הָאט אִים פַארְדְרָאסְן וָואס דֶער עֶרְשְׁטֶער מֶלֶךְ הָאט אִים פַארְשִׁיקְט אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין אַנְדֶערְן מֶלֶךְ אוּן הָאט יֶענֶעם אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט אַלֶע סִימָנִים כְּדֵי דֶער אַנְדֶערֶער זָאל גִיךְ לוֹיפְן נֶעמֶען דִי יְפַת תּוֹאַר) אוּן הָאט אִים מוֹסֵר גִיוֶוען אַלֶע סִימָנִים אוּן צוּ דֶעם אַנְדֶערְן הָאט עֶר נָאךְ מוֹסִיף גִיוֶוען מֶער אַ סִימָן. אוּן עֶר הָאט אִים גִיהֵייסְן אוּן הָאט אִים מְזָרֵז גִיוֶוען אַז עֶר זָאל תֵּיכֶף פָארְן. טָאמֶער וֶועט עֶר קֶענֶען יֶענְעם מֶלֶךְ אִיבֶּער יָאגְן. כְּדֵי עֶר זָאל פְרִיר קוּמֶען אַהִין. אוּן אֲפִילוּ אַז עֶר וֶועט נִיט פְרִיר קוּמֶען. הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער אַ סִימָן מֶער פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן.

אוּן דֶער אַנְדֶערֶער הָאט זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי מְיַישֵּׁב גִיוֶוען וִוי דֶער עֶרְשְׁטֶער (אַז סֶע אִיז פַאר אִים נִיט גוּט אַז דֶער בָּחוּר זָאל דָא זַיין) הָאט דֶער אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ אִים אוֹיךְ פַארְשִׁיקְט אוֹיף צְוֵויי הוּנְדֶערְט מַייל וַוייטֶער. הָאט עֶס אִים וִוידֶער זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען וִוידֶער צוּם דְרִיטְן (דְהַיְינוּ דֶער בָּחוּר דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן אִיז וִוידֶער גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין מֶלֶךְ דָאס אִיז שׁוֹין גִיוֶוען דֶער דְרִיטֶער. אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט כַּנַ"ל דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה) אוּן צוּ דֶעם דְרִיטְן הָאט עֶר נָאךְ מֶער סִימָנִים גִיזָאגְט זֵייעֶר גוּטֶע סִימָנִים.

## זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן פִילֶע דוּרְכְפֶעלֶער

זֶעט מֶען דָא מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת, דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן זַיינֶע פִילֶע דוּרְכְפֶעלֶער, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן צְוֵויי הוּנְדֶערְט מַייל אַוֶועק, אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן קֶענִיג, גֶעבְּן פַאר אִים דִי סִימָנִים, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַ צְוֵוייטֶע מָאל אַוֶועק גֶעפַאלְן צְוֵויי הוּנְדֶערְט מַייל הָאט עֶר וַוייטֶער זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם דְרִיטְן קֶענִיג, גֶעבְּן פַאר אִים דִי סִימָנִים, אוּן וואו וַוייטֶער עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפַאלְן - אַלְץ מֶער סִימָנִים הָאט עֶר פַארְמֶערְט צוּ גֶעבְּן.

## הוּנְדֶערְטֶער מַיילְן וַוייט, רַחֲמָנָא לִצְלָן

דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין הֲפָצָה, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן זַיין וֶועג צוּ עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן 'הֲפָצָה', עֶר גֵייט אַרוּם דֶערְצֵיילְן דִי 'סִימָנִים' פוּנֶעם רֶבִּי'ן, עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּי'נְס הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים אוּן שֵׂכֶל פַאר דִי וֶועלְט, טָאר עֶר נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין קֵיין יֵאוּשׁ, זֶעעֶנְדִיג וִוי עֶר אִיז זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מוֹסֵר נֶפֶשׁ אַרַיינְצוּשַׁיינֶען לִיכְטִיגְקֵייט אִין אַנְדֶערֶע אִידְן אוּן אִין דִי צַייט זֶעט עֶר נִישְׁט בַּיי זִיךְ אַז עֶס זָאל זִיךְ אִים עֶפֶּעס רִיקְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ וַוייטֶער מִיט זַיינֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר פַאלְט אַרָאפּ נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט מָאל אוּן נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט מָאל רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר פַאלְט הוּנְדֶערְטֶער מַיילְן וַוייט רַחֲמָנָא לִצְלָן וְכוּ' וְכוּ', - טָאר דָאס אִים נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז עֶר זֶעט וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ פַארְלֵייגְט אוֹיף אִים, עֶר וִויל אִים נָאר דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר נָאךְ מֶער עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, נָאךְ מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): **"תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה"**, וֶוער עֶס וִויל אַ תִּיקּוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה. וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פוֹגֵם גֶעוֶוען, וִוי עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבְּן דֶער עֶרְשְׁטֶער מֶלֶךְ הַנַ"ל אוּן אִיז גִיפָארְין אַהִין תֵּיכֶף אוּן אִיז אַהִין גִיקוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט פוּן דֶער בַּת קֵיסָר הַנַ"ל דְהַיְינוּ דִי יְפַת תּוֹאַר אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ שִׁיר. אוּן הָאט אַיין גִיזֶעצְט אִין דֶער שִׁיר מִיט חָכְמָה דִי אַלֶע עֶרְטֶער דְהַיְינוּ דִי זִיבְּן עֲדוּת הַנַ"ל (דְהַיְינוּ דִי זִיבְּן אִירְלֵיי וַואסֶערְן וָואס דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער עִיקָר סִימָנִים וָואס זִי הָאט גִיהַאט אִין אִיר חָתָן כַּנַ"ל) לוּשְׁמִיר וֶועדְלִיק דֶער חָכְמָה פוּן דֶעם שִׁיר. אִיז אִים אוֹיס גִיקוּמֶען דִי זִיבְּן עֶרְטֶער נִיט כְּסֵדֶר (דְהַיְינוּ לְמָשָׁל עֶר הָאט בַּאדַארְפְט צוּ זָאגְן פְרִיר דֶעם גְרוּבּ אוּן דֶער נָאךְ דִי מִקְוֶה וְכוּ' אוּן עֶר הָאט פַארְקֶערְט גִיזָאגְט) וָוארְן סֶע אִיז אִים אַזוֹי אוֹיסְגִיקוּמֶען עַל פִּי חָכְמַת הַשִּׁיר. אוּן דֶער מֶלֶךְ אִיז אַרוֹיף גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט (דְהַיְינוּ אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס וֶוער סֶע הָאט זִיךְ גִיוָואלְט מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִיר הָאט גִימוּזְט אוֹיף דֶעם אָרְט אַרוֹיף קוּמֶען אוּן זָאגְן אַ שִׁיר מִיט חָכְמָה כַּנַ"ל) אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט זַיין שִׁיר. וִוי זִי הָאט דֶערְהֶערְט דִי עֶרְטֶער (דְהַיְינוּ דִי זִיבְּן אִירְלֵיי וַואסֶערְן) אִיז בַּיי אִיר אַ ווילד חִידּוּשׁ

גִּיוֶוען. אִיז אִיר גִיפֶעלְן אַז דָאס אִיז בְּוַדַּאי אִיר חָתָן נָאר סֶע אִיז אִיר קָשֶׁה גִיוֶוען פַאר וָואס עֶר זָאגְט זַיי נִיט כְּסֵדֶר לוּשְׁמִיר פוּן דֶעסְט וֶועגְן פָּארְט. הָאט זִי זִיךְ גִיטְרַאכְט אֶפְשֶׁר מַחְמַת דֶער חָכְמָה פוּן דֶעם שִׁיר אִיז אִים אוּיס גִיקוּמֶען דֶער סֵדֶר. אִיז בַּיי אִיר גִיבְּלִיבְּן אִין הַארְץ אַז דָאס אִיז עֶר אַלֵיין. הָאט זִי אִים אָפְּגִישְׁרִיבְּן אַז זִי אִיז זִיךְ מְשַׁדֵּךְ מִיט אִים. אִיז גִיוָוארִין אַ גְרוּיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ רַעַשׁ. כַּאֲשֶׁר דִי יְפַת תּוֹאַר הָאט זִיךְ שׁוֹין גִיפוּנֶען אַ שִׁידוּךְ אוּן מְהָאט זִיךְ שׁוֹין גִירֶעכְט אוּיף דֶער חַתּוּנָה.

דֶערְוַוייל קוּמְט אָן דֶער אַנְדֶערֶער (דְּהַיְינוּ דֶער אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ וָואס אִים הָאט אוּיךְ דֶער בָּחוּר אוּיס גִיזָאגְט אַלֶע סִימָנִים אוּן נָאךְ מֶער אַ סִימָן כַּנַּ"ל) אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז אוּיךְ גִילָאפִין אַהִין. הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט אַז זִי הָאט שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ גִיטָאן. אוּן עֶר הָאט דְרוּיף נִיט גִיקוּקְט. אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט. פוּן דֶעסְט וֶועגְן פָּארְט. הָאט עֶר אָבֶּער אַזַאךְ וָואס עֶר וֶועט אִיר זָאגִין. וָואס עֶר וֶועט בְּוַדַּאי פוּעֵלִין. אִיז עֶר גִיקוּמֶען (דְּהַיְינוּ דֶער אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ) אוּן הָאט גִיזָאגְט זַיין שִׁיר. אוּן דֶער אַנְדֶערֶער הָאט שׁוֹין מְסַדֵּר גִיוֶוען דִי אַלֶע עֶרְטֶער כְּסֵדֶר. אוּן דֶערְצוּ הָאט עֶר גִיגִיבְּן נָאךְ מֶער אַ סִימָן. הָא זִי אִים גִיפְרֶעגְט פוּן וַואנֶעט וֵוייסְט דֶער עֶרְשְׁטֶער. זָאל עֶר זָאגִין דֶעם אֱמֶת אִיז זִיךְ פַאר אִים נִיט גוּט (דְּהַיְינוּ. דֶער אַנְדֶערֶער הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט. עֶר קָאן אִיר נִיט אוּיסְזָאגְן דֶעם אֱמֶת אַז דֶער בָּחוּר הָאט דֶעם עֶרְשְׁטְן אוּיסְגִיזָאגְט. וָוארְן דָאס טוֹיג זִיךְ אִים נִישְׁט אַז זִי זָאל דָאס וִויסְן) הָאט עֶר אִיר גִיעֶנְפֶערְט. עֶר וֵויסְט נִיט. (פוּן וַואנֶעט דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט גִיוואוּסְט דִי סִימָנִים) אִיז בַּיי אִיר דָאס אַ וִוילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען. אוּן זִי אִיז גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין פַּארְטוּמִילְט. וָוארִין דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אוּיךְ אוּיס דֶערְצֵיילְט דִי אַלֶע עֶרְטֶער. אוּן פוּן וַואנֶעט זָאל אַ מֶענְטְשׁ וִויסִין דִי סִימָנִים. לוּשְׁמִיר פוּן דֶעסְט וֶועגְן פָּארְט אִיז אִיר גִיפֶעלִין אַז דֶער אַנֶדערֶער עֶר אִיז אִיר חָתָן. וָוארִין זִי הָאט גִיזֶעהְן אַז עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט כְּסֵדֶר. אוּן דֶערְצוּ נָאךְ אַ סִימָן מֶער אוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער אֶפְשֶׁר אִיז דָאס אִים אוּיס גִיקוּמֶען דָארְךְ דֶער חָכְמָה פוּן דֶעם שִׁיר וָואס עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דִי עֶרְטֶער. נָאר זִי אִיז שׁוֹין גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין (כְּלוֹמַר זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין קֵיין עֵצָה נִיט גִיקָאנְט גִיבִּין אִיז זִי גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אוּן הָאט שׁוֹין מִיט קֵיינֶעם נִיט גִיוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין).

אוּן דֶער בָּחוּר דְּהַיְינוּ דֶעם בֶּערְגִירְס זוּן. וִוי דֶער אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ הָאט אִים פַּארְשִׁיקְט. הָאט עֶס אִים וִוידֶער זֵייעֶר פַארְדְרָאסִין. אִיז עֶר גִיאַנְגֶען צוּם דְרִיטִין אוּן הָאט אִים אוּיךְ דֶערְצֵיילְט גָאר דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כַּנַּ"ל אוּן עֶר הָאט אִים נָאךְ מֶער סִימָנִים גִיזָאגְט זֵייעֶר גוּטֶע סִימָנִים. אוּן פַאר דֶעם דְרִיטִין הָאט עֶר אוּיס גִירֶעט גָאר זַיין הַארְץ. כַּאֲשֶׁר עֶר הָאט גִיהַאט אַ כְּתַב וָואס אוּיף דֶעם כְּתַב אִיז גִיוֶוען אוּיס גִימָאלְט דִי אַלֶע עֶרְטֶער (דְּהַיְינוּ דִי זִיבִּין אִירְלֵיי וַואסֶערִין) בְּכֵן זָאל עֶר זִיךְ אוּיס מָאלִין אוּיף אַ פַּאפִּיר דִי אַלֶע עֶרְטֶער אוּן זָאל אִיר בְּרֶענְגֶען. אוּן דֶער דְרִיטֶער מֶלֶךְ הָאט אוּיךְ פַּארְשִׁיקְט דֶעם בָּחוּר נָאךְ וַוייטֶער צְוֵויי הוּנְדֶערְט מַייל.

אוּן דֶער דְרִיטֶער אִיז אוּיךְ גִילָאפִין אַהִין. אוּן אִיז אַהִין גִיקוּמֶען. הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט אַז סֶע אִיז שׁוֹין דָא דִי צְוֵויי (דְּהַיְינוּ דִי צְוֵויי מְלָכִים הַנַּ"ל) הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. פוּן דֶעסְט וֶועגְן פָּארְט. וָוארִין עֶר הָאט אַזוֹי אַזַאךְ וָואס עֶר וֶועט בְּוַדַּאי פוּעֵלִין. אוּן דִי וֶועלְט הָאט גָאר נִיט גִיוואוּסְט. פַארְוָואס זִי וִויל דִי דָאזִיגֶע בֶּעסֶער אֵיידֶער אַנְדֶערֶע. אוּן דֶער דְרִיטֶער אִיז אוּיךְ אָנְגִיקוּמֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט זַיין שִׁיר מִיט זֵייעֶר ווּאוּילֶע סִימָנִים בֶּעסֶערֶע סִימָנִים פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע. אוּן עֶר הָאט גִיווִיזִין דָאס כְּתַב (דְּהַיְינוּ וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין נָאךְ גִימָאלְט דִי עֶרְטֶער) מִיט דִי אַלֶע עֶרְטֶער אוּיס גִימָאלְט. אִיז זִי זֵייעֶר נִבְהָל גִיוָוארִין (כְּלוֹמַר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַּארְטוּמְלְט) נָאר זִי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גִיקֶענְט טָאן קֵיין שׁוּם זַאךְ. מַחְמַת אוּיף דֶעם עֶרְשְׁטִין הָאט זִי זִיךְ אוּיךְ גִימֵיינְט. אַז דָאס אִיז עֶר אַלֵיין. אוּן נָאךְ דֶעם אוּיף דֶעם אַנְדֶערִין אִיבֶּער דֶעם הָאט זִי גִיזָאגְט אַז זִי וֶועט שׁוֹין נִיט גְלֵייבִּין בִּיז מֶע וֶועט אִיר בְּרֶענְגֶען אִיר אֵייגִין כְּתַב אַלֵיין.

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען דֶער בָּחוּר (דְּהַיְינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן) בִּיז וִוי לַאנְג וֶועט מֶען עֶס אִים אַלְץ פַּארְשִׁיקְן וַוייטֶער. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען עֶר אַלֵיין וֶועט זִיךְ לָאזְן אַהִין. (דְּהַיְינוּ צוּ דֶער בַּת קֵיסָר) טָאמֶער וֶועט עֶר פוּעֵלְן. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז אַהִין גִיקוּמֶען. אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט עֶר הָאט אַזַאךְ. וָואס עֶר וֶועט בְּוַדַּאי פוּעֵלְן. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט זַיין שִׁיר. אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט נָאךְ מֶער סִימָנִים זֵייעֶר גוּטֶע סִימָנִים. אוּן עֶר הָאט זִי דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט מִיט אִיר אִין אֵיין חֶדֶר גִילֶערְנְט. אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע סִימָנִים. אוּן הָאט אִיר אַלְץ אוּיס דֶערְצֵיילְט. אַז עֶר הָאט גִישִׁיקְט דִי מְלָכִים הַנַּ"ל אוּן אַז עֶר הָאט בַּאהַאלְטְן דָאס כְּתַב אִין אַ בּוֹים. אוּן אַלְדִינְג וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן. אָבֶּער זִי הָאט דְרוּיף גָאר נִיט גִיקוּקְט. (אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע דְרַיי מְלָכִים הָאבְּן בְּוַדַּאי אוּיךְ גִימוּזְט זָאגְן עֶפֶּעס טַעֲמִים פַאר וָואס זֵיי הָאבְּן נִיט דָאס כְּתַב) אוּן צוּ דֶערְקֶענֶען אִים. אִיז בְּוַדַּאי נִיט מֶעגְלֶעךְ. וָוארְן עֶס אִיז שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אַ לַאנְגֶע צַייט. אוּן זִי הָאט שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט קוּקְן אוּיף קֵיין שׁוּם סִימָנִים. בִּיז מֶע וֶועט אִיר בְּרֶענְגֶען דָאס כְּתַב פוּן אִיר הַאנְט אַלֵיין. וָוארִין אוּיף דֶעם עֶרְשְׁטִין הָאט זִי זִיךְ אוּיךְ גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז עֶר בְּוַדַּאי. אוּן אַזוֹי אוּיף דֶעם אַנְדֶערִין וְכוּ' אִיבֶּער דֶעם הָאט זִי שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט קֵיין שׁוּם סִימָנִים וְכוּ' כַּנַּ"ל.

אוּן דֶער בָּחוּר (דְּהַיְינוּ דֶעם בֶּערְגִירְס זוּן) הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. עֶר קָאן דָא קֵיין שְׁהִיּוֹת נִיט מַאכִין (כְּלוֹמַר עֶר קָאן דָא נִיט זָאמֶען. וָוארִין טָאמֶער וֶוערְט מֶען גִיוָואר אַז עֶר אִיז דָא וֶועט אִים דֶער קֵיסָר הַרְגִינֶען כַּנַּ"ל).

## זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין הֲפָּצָה

דַארְפְן מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם חֵלֶק פוּן דִי מַעֲשֶׂה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין 'הֲפָּצָה', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: אַז עֶס אִיז יָא אַזוֹי, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט מִיר גֶעקֶענְט אַרָאפּ וַוארְפְן וואוּ עֶר הָאט מִיר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן, וֶועל אִיךְ יֶעצְט מֶער פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ אִין דִי וֶועלְט, זָאל נָאךְ אַ אִיד וִויסְן אַז עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל נָאךְ אַ אִיד וִויסְן אַז עֶר קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, זָאל נָאךְ אַ אִיד וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא פַאר אִים אַ וֶועג צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

## נִישְׁט אַרַיינְשְׁטִיפְּן

אַז מֶען רֶעדְט פוּן הֲפָּצָה, זֶע אִיךְ אַז נִישְׁט אַלֶע וֵוייסְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען טוּט דָאס, מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיינְשְׁטִיפְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס וָואס עֶר וִויל נִישְׁט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט דִי זַאךְ פוּנֶעם 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד', בַּיי אִים אִין מֹחַ הֵייסְט דָאס 'נִישְׁט גֶעלֶערְנְט'... - שְׁטִיפּ אִים דָאס נִישְׁט אַרַיין גֶעצְווּינְגֶענֶערְהֵייט, וַוייל מֶען קֶען נָאר גֶעבְּן אַ זַאךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וִויל הֶערְן. אַזוֹי וִוי מֶען גֶעפִוּנְט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ דֶעם לָשׁוֹן (פָּרְשַׁת תְּצַוֶּה, דַּף קפו:): "**זַכָּאָה מַאן דְּמַלִּיל עַל אוּדְנִין דְּשַׁמְעִין**", וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְן צוּ אוֹיעֶרְן וָואס הֶערְן. אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ מֶער וָואס עֶר וִויל הֶערְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן דִי שֵׂכֶל צוּ וִויסְן וָואס צוּ רֶעדְן אוּן מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן.

## אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּילְט מִיר דִיר אַ שַׁאךְ גֶעים

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן: גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ דִיר מְקָרֵב גֶעוֶועזְן? אַלְס בָּחוּר הָאסְטוּ גֶעוואוֹינְט אִין ...., דוּ בִּיסְט אַרוּמְגֶעפָארְן מִיט אַ בֵּייק אִין דִי גַאסְן, הָאסְט גֶעלַאכְט פוּן מִיר אַז אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר... הָאסְט נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן רֶבִּי'ן, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּילְט מִיר דִיר אַ שַׁאךְ גֶעים, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַז דוּ זָאלְסְט גֶעוואוּנֶען... אוּן אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט דִיר פוּן דָאס אוּן יֶענְץ - בִּיז דוּ בִּיסְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן! אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן מִיט אַסַאךְ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, מֶען רֶעדְט מִיט זֵיי אַלֶע נֵייעֶס, אַלֶע שְׁטוּתִים וְכוּ', אוּן מִיט חָכְמָה פְלֶעכְט מֶען דֶערְבֵּיי אַרַיין שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים, אַזוֹי אִיז מֶען מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## עַד הַיּוֹם גֶעדֶענְק אִיךְ נָאךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע טַעַם...

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרַאָ"שׁ, עֶס אִיז גֶעוֶוען זוּמֶער צַייט שְׁנַת תשס"ד לִפְרָט קָטָן, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען דַאוְוענֶען אִין דִי שְׁטִיבְּל פוּן 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב' אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג,

אָבֶּער יֶענֶעם יָאר בִּין אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין דֶעמָאלְט, [עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעפָארְן יֶענֶעם יָאר קַיין אוּמַאן, עֶס אִיז אַ גַאנְצֶע סִיפּוּר וָואס מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וְכוּ'] הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעמוּטְשֶׁעט: "מַאךְ אַ טִיקֶעט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה..." "מַאךְ אַ טִיקֶעט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה..." עַד הַיּוֹם גֶעדֶענְק אִיךְ נָאךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע טַעַם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וֶוען עֶר הָאט מִיר גֶעמוּטְשֶׁעט דֶערוֹיף.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים גֵיין צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס שִׁיעוּרִים וְכוּ', הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעמוּטְשֶׁעט: "קוּם צוּ מוֹהֲרָא"שׁ..." "קוּם צוּ מוֹהֲרָא"שׁ..." בַּיי מִיר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען שַׁיָּיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן יֶענֶער הָאט מִיר גֶעמוּטְשֶׁעט אִיךְ זָאל קוּמֶען, הָאט מִיר דָאס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן. [דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה, דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, וְוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען: "וואוּ אִיז דֶער 'צַדִּיק'? מוֹהֲרָא"שׁ זִיצְט מִיט דִי שְׁלִיסְלֶעך, מִיט דִי הַאנְט זֵייגֶער, מַאכְט זִיךְ מְסוּדָר דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת..." אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן קטז) אַז דֶעם צַדִּיק קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען פוּנְדְרוֹיסְן].

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע כְּלַל צוּ וִויסְן, מֶען זָאל נִישְׁט אַרוֹיפְצְוִוינְגֶען אָדֶער מוּטְשֶׁען אַ מֶענְטְשׁ אַ זַאךְ וָואס עֶר הַאלְט נָאכְנִישְׁט דֶערְבֵּיי, מֶען דַארְף וִויסְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג מִיט חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אִים מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אִיךְ דַארְף דָאס נִישְׁט!

מֶען מוּז זִיךְ יֶעצְט בַּאפְלַייסְן, עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה; גֶענוּג גֶעזִיצְן דָא, מֶען דַארְף גֵיין הֲפָצָה! אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַפָּצָה, ... נֵרוֹ יָאִיר דֶערְצֵיילְט מִיר עֶר אִיז גֶעוֶוען הֲפָצָה אִין אַ גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְט אוּן הֶערְט וִוי אַ פְרוֹי בֶּעט אִיר מַאן: "הֶעלְף מִיר שְׁלֶעפְּן דִי זַאכְן", זָאגְט עֶר אִיר: "לָאז מִיר אָפּ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ, רוּף מִיר נִישְׁט!" נָאכְדֶעם גֵייט עֶר צוּ צוּ אִים אוּן פְרֶעגְט אִים צִי עֶר דַארְף אַ שֵׁיינֶע קוּנְטְרֵס 'אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת', 'אַ שֵׁיינֶע שָׁלוֹם בַּיִת', זָאגְט דֶער מַאן: "אִיךְ דַארְף דָאס נִישְׁט!" הָאט זִיךְ דֶער מֵפִיץ גֶעבֶּעטְן בַּיי יֶענֶעם עֶר זָאל עֶס נֶעמֶען זָאגֶענְדִיג: דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, לְמַעֲשֶׂה הָאט יֶענֶער עֶס גֶענוּמֶען אוּן הָאט זִיךְ פַארְטִיפְט דֶערִין... זֶעט מֶען וִוי מֶען קֶען פָּשׁוּט גֶעבְּן לֶעבְּן פַאר מֶענְטְשְׁן.

## דָאס קֶען דָאךְ יֶעדֶער טוּן

אִין דִי אֱלוּל טֶעג, וֶוען מֶענְטְשְׁן זוּכְן דִי וֶועג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אִיז עֶס נָאךְ מֶער וִויכְטִיגֶער צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת, עֶטְץ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן דוּרְךְ אִין דִי טֶעג פוּן דִי יְמֵי הַתְּשׁוּבָה, מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אָדֶער זוּכְט מֶען שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת וָואס עֶס קֶען כִּמְעַט נִישְׁט אָנְהַאלְטְן מֶער פוּן עֶטְלִיכֶע טֶעג, אָדֶער זוּכְט מֶען צוּ אַנְטְלוֹיפְן פַאר דִי צְוֵויי חֳדָשִׁים, אוּן מֶען וַוארְט עֶס זָאל דוּרְכְגֵיין, אוּן עֶס זָאל צוּרִיק וֶוערְן דִי גֶעהֶערִיגֶע ווינְטֶערְ'דִיגֶע חֳדָשִׁים... אַ מֶענְטְשׁ אָן אַ צַדִּיק וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן, וַוייז אִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): **"מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה"**, וֶוער עֶס וִויל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה; **"זֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִין, שֶׁבִּימֵי תְּשׁוּבָה - דְּהַיְנוּ בֶּאֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה, כָּל יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין אָז בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל"**, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה זֶענֶען אַלֶע עוֹסֵק אִין זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה, **"וְעַל כֵּן, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בּוֹ"**, דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין אִין זָאגְן תְּהִלִּים.

וִוילַאנְג נֶעמְט צוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים? אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה; אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זָאגְן דֶעם גַאנְצְן 'יוֹם תְּהִלִּים' זֶע כָאטְשׁ צוּ זָאגְן וִויפִיל דוּ קֶענְסְט יָא, זָאג יֶעדְן טָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דָאס וֶועט דִיר וַוייזְן דִי וֶועג צוּ תְּשׁוּבָה, אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה.

שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת אִיז שְׁוֶוער צוּ טוּן, אָבֶּער זָאגְן תְּהִלִּים - דָאס קֶען דָאךְ יֶעדֶער טוּן, נֶעם אַ תְּהִלִּים אוּן זָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועט דָאס דִיר אָפְּוַואשְׁן פוּן אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן דִיר צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

שְׁמֵייכְלְט צוּ מִיר אוּן גֶעבְּט מִיר אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער", דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, וַוייל פוּנְקְט נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אִיר לֶערֶערִין, וואוּ זִי שְׁרַייבְּט מִיר אַז זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי תַּלְמִידָה, דִי תַּלְמִידָה גֶעבְּט אִיר זֵייעֶר אַ אוּמְבַּאטַעֲמְ'טֶע בַּאנֶעמוּנְג, דָאס מַאכְט אִיר שְׁפִּירְן וִוי דִי תַּלְמִידָה אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אִירֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי אֲפִילוּ אַמָאל דַאכְט זִיךְ פַאר אַ לֶערֶערִין אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע תַּלְמִידָה אַז זִי אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אִיר, אִיז דָאס אָבֶּער נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל אַלֶע מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן דִי לֶערֶערִין אוּן וַוארְטְן אוֹיף אִיר שְׁמֵייכְל.

### וֶוער אִיז דִי 'קִינְד' אוּן וֶוער אִיז דִי 'לֶערֶערִין'?!

אַ לֶערֶערִין שְׁרַייבְּט מִיר, פַאר אֵיין תַּלְמִידָה וַוייז אִיךְ אַ פַאלְשֶׁע שְׁמֵייכְל, נָאר וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף שְׁמֵייכְלְן צוּ תַּלְמִידוֹת, וַוייל עֶכְט דַארְף זִי נִישְׁט מִיךְ נִישְׁט, זִי אִיז דָא זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט מִיר...; הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: "אִיךְ וֵוייס שׁוֹין נִישְׁט וֶוער אִיז דָאס 'קִינְד' אוּן וֶוער אִיז דִי 'לֶערֶערִין'?! אֶפְשָׁר זָאל מֶען עֶס אוֹיפְטוֹישְׁן, דִי לֶערֶערִין זָאל וֶוערְן דִי קִינְד אוּן דָאס קִינְד זָאל וֶוערְן דִי לֶערֶערִין... אַ לֶערֶערִין דַארְף וִויסְן אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, זֵיי קוּמֶען נִישְׁט אִין סְקוּל זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִיר, זֵיי מֵיינֶען גָארְנִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ קֶעגְן דִי לֶערֶערִין, נָאר דָאס וָואס זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין - אִיז צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי וַוארְטְן אַז דִי לֶערֶערִין זָאל קוּקְן אוֹיף זֵיי.

קִינְדֶער טְרַאכְטְן נִישְׁט וָואס זֵיי טוּעֶן; דִי לֶערֶערִין דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט זִיךְ, זִי דַארְף גֶעדֶענְקְן, אַז זִי אִיז דִי 'לֶערֶערִין' זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן וֶוען אַ מֵיידְל לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער אָדֶער אַ מֵיידְל בְּלָאזְט אוֹיף אִיר, אַז אַ מֵיידְל לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער אָדֶער אַ מֵיידְל בְּלָאזְט וְכַדּוֹמֶה, גֵייט מֶען וַוייטֶער אָן מִיטְ'ן טָאג, מֶען מַאכְט וַוייטֶער פְרֵיילִיךְ דִי תַּלְמִידוֹת.

### קִינְדֶער זוּכְן נִישְׁט צוּ בַּאזִיגְן אַ לֶערֶערִין

אֵיינֶע פוּן דִי לֶערֶערִינְס רוּפְט מִיר יֶעדְן טָאג מִיט גֶעוֵויין, זִי פַאלְט שׁוֹין פוּן אִירֶע כֹּחוֹת, זִי שְׁפִּירְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע מֵיידְל וִוי זִי וִויל אִיר בַּאזִיגְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, יֶעדֶע שְׁפִּיל וָואס זִי וִויל שְׁפִּילְן מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, מַאכְט עֶס יֶענֶע מֵיידְל אַוֶועק, וֶוען זִי זָאגְט: "מֶען גֵייט יֶעצְט טַאנְצְן" רוּפְט זִי זִיךְ אָן: "אִיךְ טַאנְץ נִישְׁט", וֶוען זִי זָאגְט: "מֶען גֵייט יֶעצְט זִינְגֶען", רוּפְט זִי זִיךְ אָן: "אִיךְ זִינְג נִישְׁט מִיט" וְכוּ', דָאס אִיז אָבֶּער אַ פַאלְשֶׁע מַחֲשָׁבָה, וַוייל קִינְדֶער זוּכְן נִישְׁט צוּ בַּאזִיגְן אַ לֶערֶערִין, מַיין טָאכְטֶער הָאט אֵיין טָאג אִיבֶּערְגֶענוּמֶען יֶענֶע קְלַאס, זָאגְט זִי מִיר אַז זִי הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת, אַלֶע זֶענֶען וואוּיל, נָאר מֶען דַארְף וִויסְן אַז זִי זוּכְט מֶער אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט וִוי אַנְדֶערֶע, זִי הָאט שְׁוֶוערֶערֶע נַאטוּרְן וִוי אַנְדֶערֶע; אִיר עֶדִיטוּד, אִיר שְׁלֶעכְטֶע בַּאנֶעמוּנְג, אִיז נִישְׁט גֶעצִילְט קֶעגְן דִי לֶערֶערִין.